שלום-עליכם

הסיר

– רבי! אני רוצה לשאול אותך שאלה רוצה אני. אני לא יודעת אם אתה מכיר אותי, או שאתה לא מכיר אותי. אני יֶנטֶה אני, ינטה התרנגולנית. אני סוחרת בביצים, סוחרת אני, בעופות, באווזים ובברווזים. יש לי הקונות הקבועות שלי יש לי, שניים־שלושה בתים, אז הם מחזיקים אותי, שיתן להם אלוהים בריאות וכל טוב; כי אילו עוד הייתי צריכה לשלם אחוזים, לא היתה החלה מספיקה ל״המוציא״. אז אני חוטפת מטבע שלוש־אגורות חוטפת אני, פעם פה, פעם שם, פה לוקחים, שם נותנים, שם נותנים, פה לוקחים – מסתובבים, מה־אפשר־לומר! בוודאי, מה יש לך לחשוב, אילו בעלי עליו־השלום היה חי לי עכשיו – טֶה־טֶה־טֶה!... אם כי, אם רוצים לגלגל את השיחה לאחור, דבש לא ליקקתי בימיו, כי מרווית, שימחל לי, הרי הוא לא היה, רק ישב ולמד, ישב ולמד, ולעמול עמלתי א נ י, ולעמול אני רגילה עוד מילדות, עוד אצל אמי עליה־השלום, בתיה היה שמה, בתיה משחילת־הנרות, היא היתה משחילה־נרות, היתה קונה חֵלב אצל הקצבים ומושכת נרות, צמות של חֵלב, אז עוד לא ידעו על גז ועל מנורות עם זגוגיות, שמתפקעות כל פעם, רק בשבוע שעבר התפוצצה לי זגוגית, וגם לפני שבועיים זגוגית.

– כן, כלפי מה הגענו לדבר על זהז כלפי זה, שאתה אומר: מת צעיר... כשמשה־בנציון שלי עליו־השלום נפטר, הוא היה בסך־הכל בן עשרים ושש שנים. ההז עוד פעם: כיצד עשרים ושש? בן תשע־עשרה היה בחתונה, כשמונה שנים חלפו מאז שמת, ביחד תשע־עשרה ושמונה – יוצא משהו כמו עשרים ושלוש. אז למה יצא אצלי עשרים ושש? כי שכחתי את שבע השנים שהוא חלה. זאת אומרת, לחלות הוא חלה הרבה יותר, מתמיד היה חולני: זאת אומרת, ככה הוא אפילו היה בריא, רק השיעול, השיעול הרג אותו! הוא היה, לא עליכם, תמיד משתעל, זאת אומרת לא תמיד, אבל כאשר השיעול בא הוא היה הולך ומשתעל, וכשהלך והשתעל, אז הוא השתעל והשתעל... הרופאים אמרו שזה אצלו ספאזמה כזאת, זאת אומרת, מין דבר כזה, שכשרוצים להשתעל משתעלים, וכשלא רוצים להשתעל לא משתעלים. חרוז־שְׁמָרוּז, עֲשֵׂה לי קרוּסֶלָה! שככה ידעו עיזים לקפוץ בגנים זרים, כמו שהם יודעים, הרופאים זאת אומרת, מי שחיתל אותם!... הִנֵה קח לך את הילד של ר׳ אהרן השוחט, יוֹקל שמו, כאבה לו שן כאבה לו, אז עשו לו הכל, השבעות ודקירות, וראו שלא מועיל. אז הוא הולך, יוֹקל זאת אומרת, ושׂם לו שום לתוך האוזן, – אומרים ששום הוא רפואה לכאב־שיניים – אז הוא טיפס על הקירות הישרים, יוֹקל זאת אומרת, ועל השוּם לא גילה דבר. בא הרופא וממשש לו בְּדופק. מה אתה ממשש לו בְּדופק, גולם מטופש?... בוודאי, אילו לא הובילו אותו, את יוֹקל זאת אומרת, ליֶהוּפֶּץ, אז הוא כבר היום היה מגיע מי יודע לאן? לשם, לאיפה שאחותו, פֶּרל המסכנה, שהלכה בגלל עין־טובה, לא עליך, בצירי־הלידה...

דאָס טעפּל

— רבי! איך וויל אייך פרעגן אַ שאלה וויל איך אייך. איך ווייס נישט, צי קענט איהר מיך, צי קענט איהר מיך נישט. איך בין יענטע בין איך, יענטע די קורעלאָפּניטשקע. איך האַנדעל מיט אייער האַנדעל איך, מיט עופות, מיט גענז און מיט קאַטשקעס. איך האָב מיר מיינע שטענדיגע קונה׳טעס האָב איך מיר, אַ צוויי־דריי הייזער, האַלטען זיי מיך אונטער, זאָל זיי גאָט געבען געזונט און אַלדאָס גוטס; וואָרום איך זאָל נאָך דאַרפען צאָהלען פּריצענט, וואָלט נישט געקלעקט די חלה אויף דער „המוציא". חאַפּ איך אַ דרייערעל חאַפּ איך, אַ מאָל דאָ, אַ מאָל דאָרטען, דאָ גענומען, דאָרט געגעבען, דאָרט געגעבען, דאָ גענומען — מע דרעהט זיך, משטיינס געזאָגט! אודאי, וואָס זאָלט איהר קלערען, ווען מיין מאַן עליו־השלום זאָל מיר אַצינד לעבען — טע־טע־טע!... חאָטש אַז מע וויל שמועסען דאָס אייגענע צוריק, האָב איך קיין האָניג פאַר איהם נישט געלעקט, וואָרום קיין פאַרדיענער, זאָל ער מיר מוחל זיין, איז ער דאָך נישט געווען, נאָר געזעסען און גע־לערענט, געזעסען און געלערענט, און געהאָרעוועט האָב א י ך, און האָרעווען בין איך געוועהנט נאָך פון קינדווייז אויף, נאָך ביי מיין מאַמע עליה־השלום, בתיה האָט זי געהייסען, בתיה די לעכט־ציהערין, זי איז געווען אַ לעכטציהערין, פלעגט אויפקויפען חלב ביי די קצבים און ציהען לעכט, חלב׳ענע צעפּלעך, מע האָט נאָך נישט געוואוסט דעמאָלט פון קיין גאַז און פון קיין לעמפּלעך מיט גלעזלעך, וואָס טרישטשען אַלע מאָל, ערשט יענע וואָך געפּלאַצט ביי מיר אַ גלעזעל, און פאַר צוויי וואָכען אַ גלעזעל...

— יאָ, אַקעגען וואָס איז דאָס געקומען צו רעד? אַקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט: יונג געשטאָרבען... אַז מיין משה־בנציון עליו־השלום איז געשטאָרבען, איז ער אַלט געווען סך־הכל זעכס און צוואַנציג יאָהר. הא? נאָך אַ מאָל: ווי אַזוי זעכס און צוואַנציג? נייענצעהן איז ער אַלט געווען צו דער חתונה, אַ יאָהר אַכט איז פאַרהאַן אַז ער איז געשטאָרבען, איז אינאיינעם נייענ־צעהן און אַכט — אַפּנים, אַזוי גרויס ווי דריי און צוואַנציג. פאַר וואָס זשע איז ביי מיר אויסגעקומען זעכס און צוואַנציג? ווייל איך האָב פאַרגעסען די זיעבען יאָהר, וואָס ער האָט געקרענקט. דאָס הייסט, קרענקען האָט ער געקרענקט אַ סך מעהר, ער איז געווען פון תמיד אָן אַ קראַנקער, דאָס הייסט, אַזוי איז ער אפילו געווען אַ געזונטער, נאָר דער הוסט, דער הוסט האָט איהם אַוועקגעלעגט! ער פלעגט, נישט פאַר אייך געדאַכט, שטענדיג הוסטען, דאָס הייסט, נישט שטענדיג, נאָר דעמאָלט, ווען דער הוסט איז אָנגעקומען, פלעגט ער זיך פאַרהוסטען, און אַז ער האָט זיך פאַרהוסט, האָט ער געהוסט און געהוסט... די דאָקטוירים האָבען געזאָגט, אַז ס׳איז ביי איהם אַ ספּאַזמע אַזעלכע, דאָס הייסט, אַזעלכעס, וואָס אַז מע וויל הוסטען, הוסט מען, און אַז מע וויל ניט הוסטען, הוסט מען ניט. שטראָם־גראָם, מאַך מיר אַ האַרמידער! ציעגען זאָלען אַזוי וויסען אין פרעמדע גערטנער שפּרינגען, ווי זיי ווייסען, די דאָקטוירים הייסט דאָס, ווער ס׳האָט זיי געשלייערט!... אָט האָט איהר רב אהרן דעם שוחט׳ס יונגעל, יאָקעל הייסט ער, עס האָט איהם וועה געטהאָן אַ צאָהן האָט איהם וועה געטהאָן, האָט מען איהם געטהאָן אַלסדינג, געשפּראָכען און געשטאָכען, און גע־זעהען, אַז עס העלפט נישט. געהט ער, יאָקעל הייסט דאָס, און לעגט־אַריין אַ קנאָבעל אין אויהער אַריין, — מע זאָגט, אַז ס׳איז אַ רפואה קנאָבעל צו צייהן־וועהטיג — האָט ער זיך געריסען אויף די גלייכע ווענט, יאָקעל הייסט דאָס, און פונ׳ם קנאָבעל זאָגט ער נישט אויס. קומט דער דאָקטער און טאַפּט איהם ביי׳ם דופק. וואָס טאַפּסט דו איהם ביי׳ם דופק, דו נאַרישער לעקיש?... אודאי, מע זאָל איהם, יאָקלען הייסט דאָס, נישט געווען אָפּפיהרען קיין יעהופּעץ, וואָלט ער שוין איצטער אָנגעשפּאַרט, ווייסט איהר וואו? דאָרטען, וואו די שוועסטער זיינע, פּערעל נעבאָך, וואָס איז אַוועק־נענאַנגען פון אַ גוט אויג, ניט פאַר אייך געדאַכט, אין קימפּעט...

החוג לספרות עברית

לשיעור ה-12 של דוד ריטקיס

– כן, כלפי מה הגענו לדבר על זהז כלפי זה, שאתה אומר: אלמנה... נשארתי אלמנה, לא עלינו, עוד צעירה לגמרי זאת אומרת, עם תינוק על הידיים ועם חצי בית ב״קבצניווקֶס״, השֵני אחרי הדירה של לייזר הנגר, אם אתה יודע; לא רחוק מבית־המרחץ. אז הרי תשאל: מה פתאום רק חצי ביתז כי החצי השני הוא לא שלי: הוא שייך לגיסי הוא שייך, עזריאל שמו, אתה מכיר אותו, בעצמו הוא וֶסֶלוקוּטַאי, מוּסֶלוקוּט, עיירה כזאת, ולסחור הוא סוחר בדגים, ומרוויח בלי־עין־הרע, יפה מאוד, תלוי מה מצב הנהר: אם בחוץ שקט, נידוגים הדגים, ואם נידוגים הדגים, אז הדגים זולים; ואם בחוץ רוח, לא נידוגים הדגים, והדגים יקרים. אבל יותר טוב שנידוגים ושזול... כך הוא אומר, עזריאל זאת אומרת. אז אני שואלת אותו: ״מה ההיגיוןז״ אז הוא אומר: ״ההיגיון היגיון פשוט: אם בחוץ שקט, נידוגים הדגים, ואם נידוגים הדגים זולים; אם בחוץ רוח, לא נידוגים הדגים, והדגים יקרים. אבל יותר טוב, שנידוגים ושזול״... אז אני אומרת: ״כן, אבל מה ההיגיוןז״ אז הוא אומר: ״ההיגיון הוא היגיון פשוט: אם בחוץ שקט, נידוגים הדגים, ואם נידוגים הדגים, אז הדגים זולים...״ ״טפו שיהיה לך! – אני אומרת לו. – לכי דברי עם אדם גס־רוח״...

– כן, אז כלפי מה הגענו לדבר על זהז כלפי זה, שאתה אומר: דירה פרטית... בוודאי שעדיפה פינה אחת משלך, מאשר להתגלגל בשכנות עם מישהו. איך אתה אומר: ״שלי הוא לא של זולתי!״ אז יש לי, זאת אומרת, חצי בית משלי, חתיכת נחלה, שלא נחטא בדברים. אבל אני מבקשת ממך, בשביל מה צריכה אלמנה, מה־אפשר־כבר־לומר, עם תינוק אחד ויחיד, מחצית שלמה של ביתז יש איפה לשים את הראש – דיינו! ובפרט,

שצריכים לכסות את הגג, כבר כמה שנים הגונות שהבית עומד לא מכוסה הוא עומד, אז הוא מנדנד לי על הנשמה, הגיס המתוק שלי, עזריאל זאת אומרת, שיכסו אותו!... ״הגיע הזמן, הוא אומר, שיכסו אותו!״ ״נו, אני אומרת, אם כך, למה לא מכסים אותוז״ אז הוא אומר: ״הבה נכסה״... אז אני אומרת: ״הבה נכסה״... נכסה־נכסה, נכסה־נכסה – ובזה זה נשאר. כי בשביל לכסות צריכים קש, על רעפים כבר לא מדברים, איפה יש לי לרעפיםז אז אני משכירה שני חדרים אני משכירה. בחדרון אחד יושב אצלי חיים־חנא החירש, אדם זקן, כבר עובר־בטל. הילדים משלמים לי בשבילו חמישה זהובים לשבוע שכר־דירה, ולאכול הוא אוכל אצלם, יום מֵעבר ליום, זאת אומרת, יום הוא אוכל ויום הוא צם, וביום שהוא אוכל הוא אוכל קדחת. כך הוא אומר, חיים־חנא החירש. ואולי זה שקר אוליז זקֵנים אוהבים לרטון; כמה שנותנים להם מעט להם, איפה שמושיבים אותם רע להם, ואיפה שמשכיבים אותם קשה...

– כן, כלפי מה הגענו לדבר על זהז כלפי זה שאתה אומר: שכנים. שום יהודי טוב שלא יֵדע עליהם! מילא ההוא, החירש, הוא חירש, לפחות שכן שקט, איך אתה אומר: לא שומעים אותו ולא רואים אותו... אבל השנה־הטובה דחפה אותי, שאשכיר את החדר השני לקמחונית, גְנֶסי שמה. היא מחזיקה מכולת של קמח היא מחזיקה. מיספר טוב זאת!... בתחילה, אילו ראית, היא היתה רכה כמו דובשנית, קוּצֶניוּ־מוּצֶניוּ, נשמה־ניוּ, לבב־ניוּ, היא לי את זה, והיא לי את ההוא... כי מה היא צריכה, מה־אפשר־כבר־לומרז פיסונת תנור לשים את הסיר, קצה של ספסל להמליח את חתיכת הבשר פעם בשבוע, ושוליים של שולחן לגלגל דף של איטריות פעם ביובל... ״והילדים,״ אני אומרת, ״איפה תשימי את הילדים שלך איפהז יש לך הרי, גנסי, שיהיו בריאים, ילדים קטנים יש לך הרי!״... ״א־אני יודעת, היא אומרת, מה שאת מדברת, ינטה־שתחיי! את יודעת איזה ילדים אלהז יהלומים, לא ילדים! בחום הקיץ הם מתגלגלים

— יאָ, אקעגען וואָס איז דאָס געקומען צו רעד? אקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט: איין אַלמנה... איך בין געבליבען איין אַלמנה, ניט דאָ געדאַכט, נאָך גאָר אַ יונגענט הייסט דאָס, מיט אַ קליין קינד און מיט אַ האַלבער שטוּב אויף די „קבּצניוּוקעס", די אַנדערע פון לייזער דעם סטאָליר'ס דירה, אויב איהר ווייסט; נישט ווייט פון דער באָד. וועט איהר דאָך פרעגען, וואָס עפּיס אַ האַלבּע שטוּב נאָר? מחמת די אַנדערע האַלבּע איז נישט מיינע; זי געהערט צו מיין שוואָגער געהערט זי, עזריאל הייסט ער, איהר קענט איהם, אַליין איז ער אַ ווּעסעלעקוּטער, פון ווּעסעלעקוּט, אַ שטעדטעל אַזעלכעס, און האַנדלען האַנדעלט ער מיט פיש, און פאַרדיענט, קיין עין־הרע, זעהר שען, עס ווענדט זיך ווי דער טייך האַלט: איז אין דרויסען שטיל, חאַפּט זיך פיש, און אַז סע חאַפּט זיך פיש, איז וואָלוועל פיש; איז אין דרויסען אַ ווינט, חאַפּט זיך נישט קיין פיש, און ס'איז טייער פיש. נאָר גלייכער איז, אַז עס חאַפּט זיך און ס'איז וואָלוועל... אַזוי זאָגט ער, עזריאל הייסט דאָס. פרעג איך איהם: „וואָס איז דער שכל?" זאָגט ער: „דער שכל איז אַ פּראָסטער שכל: איז אין דרויסען שטיל, חאַפּט זיך פיש, און אַז סע חאַפּט זיך פיש, איז וואָלוועל פיש; איז אין דרויסען אַ ווינט, חאַפּט זיך נישט קיין פיש, און ס'איז טייער פיש. נאָר גלייכער איז, אַז עס חאַפּט זיך און ס'איז וואָלוועל"... זאָג איך: „יאָ, אָבער וואָס איז דער שכל?" זאָגט ער: „דער שכל איז אַ פּראָסטער שכל: איז אין דרויסען שטיל, חאַפּט זיך פיש, און אַז סע חאַפּט זיך פיש, איז וואָלוועל פיש..." „טפו זאָלסט דו ווערען! — זאָג איך צו איהם. — נעה טענה מיט אַ גראָבען יונג"...

— יאָ, אקעגען וואָס זשע איז דאָס געקומען צו רעד? אקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט: איין איינגענע דירה... אודאי איז גלייכער איין ווינקעלע איין איינגענס, איידער שלעפּען זיך אין שכנות. ווי זאָגט איהר: „מיינס איז נישט יענעמס!"... האָב איך מיר, הייסט דאָס, מיין האַלבּע שטוּב, אַ שטיקעל נחלה, נישט צו פאַרזינדיגען. נאָר איך בעט אייך, צו וואָס באַדאַרף איין אַלמנה, משטיינס געזאָגט, מיט איין־און־איינציג קינד אַ גאַנצע האַלבּע שטוּב? פאַרהאַן וואו דעם קאָפּ אַנידערלעגען — גענוג! ובפרט, אַז מע באַדאַרף זי דעקען, די שטוּב, זי שטעהט שוין היבּשע עטליכע יאָהר נישט געדעקט שטעהט זי; דעקוטשעט ער מיר, דער זיסער שוואָגער מיינער, עזריאל הייסט דאָס, מע זאָל זי דעקען!... „צייט, זאָגט ער, מע זאָל זי דעקען!" „נו, זאָג איך, למאי זשע דעקט מען זי נישט?" זאָגט ער: „לאָמיר זי דעקען"... זאָג איך: „לאָמיר זי דעקען"... דעקען־דעקען, דעקען־דעקען — און דערביי בלייבּט דאָס. וואָרום אויף דעקען באַדאַרף מען שטרוי, פון שינדעל שמועסט מען נישט, וואו האָב איך אויף שינדעל? פאַרדינג איך צוויי חדרים פאַרדינג איך. אין איין חדר'ל זיצט ביי מיר חיים־חנה דער טויבּער, איין אַלטער מאַן, שוין עובר־בטל. די קינדער צאָהלען מיר פאַר איהם פינף גילדען אַ וואָך דירה־געלט, און עסען עסט ער ביי זיי, אַ טאָג איבּער אַ טאָג, דאָס הייסט, אַ טאָג עסט ער און אַ טאָג פאַסט ער, און דעם טאָג, וואָס ער עסט, עסט ער אויך מכּות. אַזוי זאָגט ער, חיים־חנה דער טויבּער. און אפשר איז דאָס אַ ליגען אפשר? אַלטע לייט האָבּען ליעבּ וואָרטשען; וויפיעל מע גיט זיי, איז ווינציג, וואו מע זעצט זיי, איז שלעכט, און וואו מע לעגט זיי, איז האַרט...

— יאָ, אקעגען וואָס איז דאָס געקומען צו רעד? אקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט: שכנים... קיין גוטער איד זאָל זיי נישט קענען! מילא יענער, דער טויבּער, איז אַ טויבּער, חאָטש אַ שטילער שכן, ווי זאָגט איהר: מע הערט איהם נישט און מע זעהט איהם נישט... האָט מיך אָבער דער גוטער יאָהר געטראָגען, איך

זאָל דעם אַנדערען חדר פאַרדינגען דער מיטניטשקע, גנעסי הייסט זי. זי האַלט אַ קלייטעל פון מעהל האַלט זי. אַ גוטע שטוּקע!... תּחילת, איהר זאָלט זעהען, איז זי געווען ווייך, ווי אַ האָניגטייגעל, קוצעניו־מוצעניו, נשמה'ניו, האַרצעניו, זי וועט מיר דאָס, זי וועט מיר יענעס... וואָס באַדאַרף זי דען, משטיינס געזאָגט? אַ שטיקעל אויווען אויף צושטעלען דאָס טעפּעל, איין עק בּענקעל אויף אויסזאַלצען דאָס שטיקעל פלייש איין מאָל אין וואָך, און אַ בּרעג טישעל אויף אויסקאַטשען אַ בּלעטעל לאָקשען איין מאָל אין אַ יובל... „און די קינדער, זאָג איך, וואו וועט איהר אַהינטהון די קינדער אייערע וואו? איהר האָט דאָך, גנעסי, זאָלען געזונט זיין, קליינע קינדער האָט איהר דאָך!"... „וויים איך, זאָגט זי, וואָס איהר רעדט, יענטע־לעבּען! איהר ווייסט דען, וואָס דאָס איז

בחוץ כל היום, ובחורף מטפסים על התנור כמו כבשים רכות, ולא שומעים אף פִּיפְּס. חיסרון אחד רק, שהם צריכים, בלי־עין־הרע, הרבה, אוהבים ללעוס, נקרנים, בלי־עין־הרע"... נו־נו! עוד איך קניתי לי אסון, על ראשֵׁי כל שונאי! מילא הילדים – אחד אחד, פרצופים רחוּצים, שאלוהים לא יענישני על הדברים, חתיכת לחם לא יאכלו! יום ולילה אצלם מהומה! צועקים וצווחים, הורגים ומרביצים – גיהִנום! מה אני אומרת גיהִנום!

הגיהִנום, אני אומרת לך, הוא זהב!.. אבל רגע, רגע, אל תחשוב שגמרו. זה עוד היה חצי צרה, כי ילד אפשר להרגיע: בעיטה, סטירה, צביטה בכל־זאת ילד! אז אלוהים נתן לה בעל, עויזר שמו; אתה בטח מכיר אות הוא עוזר־לשמש בבית־המדרש התחתון, יהודי כשר, המסכן, ואפילו נדמ לא טיפש כל־כך גדול, אז אתה היית צריך לשמוע איך היא קוברת אות גנסי זאת אומרת: עויזר, לשם! עויזר, לפה! עויזר, זה! עויזר, ההו עויזר־עויזר! עויזר־עויזר!... והוא – או שהוא אומר לו פתגם (הוא אומר־פתגמים לכל הצרות), או שהוא מוריד את הכובע על העיני והולך... הכל רק, אומרת אני לך, הצלחה ודי!...

– כן, כלפי מה הגענו לדבר על זה? כלפי זה, שאתה אומר: שכנ רעים... רע לרע אינו דומה! שהריבונו־של־עולם לא יחשוב לי זא ללשון־הרע; אני לא צריכה, מה שייך, לדבר עליה רעות. מה יש לי נגדה היא יהודיה, שאוהבת לתת פרוסת לחם לעני, אבל השנה־הטובה תד אותה: כשבאה עליה המאנקוליה' – שיצילנו אלוהים! בושה לספ למישהו אחר בוודאי לא הייתי מספרת על כך, אבל אצלך, אני יודעת, ז יישאר בסוד... ששש... היא סוטרת לו מדי פעם... לַבעל, זאת אומרת. כשאיש אינו רואה... "אַי, אני אומרת לה, גנסי, גנסי! איך את לא מפחד מאלוהים? מאלוהים איך את לא מפחדת?"... אומרת היא: "זה לא עסק ש הסבתא שלך"... אומרת אני: "כפרה טהורה ויפה"... אומרת היא: "שיה לכפרה מי שמציץ בסיר של הזולת"... אומרת אני: "שייצאו העיניים ל שלא ראה טוב מזה"... אומרת היא: "שייכנס לבטן למי שמקשיב"... מ אתה אומר על נבחנית כזאת?...

– כן, כלפי מה הגענו לדבר על זה? כלפי־זה, שאתה אומר: אני אוהב ניקיון... למה שאכחיש? אני באמת אוהבת, שיהיה נקי בכל פינה. מה מגי לי על כך? אז אולי היא לא יכולה לסבול, גנסי זאת אומרת, למה שאצ נקי, אצלי יפה, אצלי טהור, אצלי מלא־אור. ואצלה? היית צריך לראות תמיד חושך, תמיד קדרות, מרוח וסרוח ובוץ עד הצוואר, סיר השופכ מלא כמו עַיִן – טפו!... בא השחר – השמיים נפתחים! האם ילדים אלה שדים ולא ילדים; בדיוק כמו דויד'ל שלי, להבדיל באלף הבדלות! שהר י דויד'ל שלי, שיהיה בריא, כל היום הוא בחדר, וכשבא לילה הוא ניג

' מאנקוליה – שיבוש של מֶלַנכוליה, מצב־רוח (או: דיכאון).

לעבודה: או שהוא מתפלל או שהוא לומד, או שהוא מציץ בספר מציץ הוא. והילדים שלה – שאלוהים לא יעניש על הדברים! או שזה אוכל, או שזה בוכה, או שזה מכה ראש בקיר... אתה מבין? אז אני אשמה שאלוהים בירך אותה בכנופיה כזאת של פוחחים ופרחחים, ולי הוא נתן מתנה כזאת, חתיכת זהב, יהלום, שלא יתקלקל לי, ריבונו־של־עולם, כי הוא עולה לי במספיק דמעות הוא עולה לי! אל תראה, שאני יהודיה! גבר במקומי בוודאי לא היה עומד בזה! שלא יהיה לך הדבר לחרפה. יש גברים כאלה, שהם פי אלף גרועים מנשים גרועים הם; כשמשהו לוחץ עליהם, הם לא

פאר קינדער? בעריליאנטען, נישט קיין קינדער! זומער־לעבען וואלגערען זיי זיך אין דרויסען א גאנצען טאָג, און ווינטער פאר־קלויבט מען זיך אויפ'ן אויווען, ווי די שעפעלעך, און מע הערט נישט פון זיי קיין פּיפּס. איין חסרון נאָר, וואָס זיי דארפען, קיין עין־הרע, א סך, האָבען ליעב קייען, פּיקערס, קיין עין־הרע"... נו־נו! אודאי האָב איך מיר געקויפט איין אומגליק אויף מיינע שונאים'ס קעפּ! מילא קינדערלעך — איינס און איינס, איבער־געוואשענע, גאָט זאָל נישט שטראָפען פאר די רעד, א שטיקעל ברויט איז פאר זיי נישט אויפצועסען! טאָג ווי נאכט איז ביי זיי הו־הא! מע שרייט און מע קוויטשעט, מע הרג'עט זיך און מע שלאָגט זיך — א גיהנם! וואָס זאָג איך א גיהנם? דער גיהנם, זאָג איך צייך, איז גאָלד!... נאָר מיינט נישט, אז איהר זענט פארטיג. דאָס וואָלט נאָך געווען א האלבע צרה, וואָרום א קינד קאָן מען איינשטילען: א זעץ, א פּאטש, א קניפּ — פאָרט א קינד! האָט איהר גאָט געגעבען א מאַן, עוזר הייסט ער; איהר מוזט איהם קענען, ער איז אונטער־שמש אין אונטערשטען קלייזעל, נעבאָך א כשר'ער איד, און, דאכט זיך, גאָר נישט אזא גרויסער נאַר אויך; זאָלט איהר הערען, ווי זי באגראָבט איהם, גנעסי הייסט

דאָס: עוזר, אהין! עוזר, אהער! עוזר, דאָס! עוזר, יענעס! עוזר־עוזר! עוזר־עוזר!... און ער — אָדער ער זאָגט־אָפּ א ווערטעל (ער איז נאָך א ווערטעלזאָגער צו די צרות), אָדער ער רוקט־אָן דאָס היטעל און געהט אוועק... ס'איז נאָר, זאָג איך אייך, א הצלחה און גענוג!...

— יאָ, אקעגען וואָס איז דאָס געקומען צו רעד? אקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט: שלעכטע שכנים... שלעכט צו שלעכט איז נישט גלייך! לאָז מיר דאָס דער רבונו־של־עולם נישט פאר־רעכענען פאר קיין לשון־הרע; איך דארף אויף איהר, וואָס איז שייך, קיין שלעכטס נישט רעדען. וואָס האָב איך צו איהר? זי איז א אידינע, וואָס האָט ליעב געבען איין אָרעמאַן א שטיקעל ברויט. נאָר דער גוטער יאָהר זאָל זי וויסען: אז עס קומט איהר אָן די מאנקאָליע — זאָל גאָט שומר ומציל זיין! ס'איז א בזיון צו דערצעהלען: קיין אנדערען וואָלט איך דאָס געוויס נישט געזאָגט, נאָר ביי אייך, ווייס איך, וועט דאָס זיין א סוד... ששש... זי פּאטשט איהם אונטער... דעם מאַן, הייסט דאָס... אז קיינער זעהט נישט... „אַי, זאָג איך צו איהר, גנעסי, גנעסי! ווי האָט איהר קיין מורא נישט פאַר גאָט? פאר גאָט ווי האָט איהר קיין מורא נישט?"... זאָגט זי: „ס'איז נישט אייער באָבע'ס דאגה"... זאָג איך: „א שענע ריינע כּפּרה"... זאָגט זי: „לאָז דער זיין די כּפּרה, ווער עס קוקט אריין אין יענעמ'ס טעפּעל"... זאָג איך: „לאָז דעם ארויס די אויגען, וועמ עס האָט קיין בעסערס נישט גע־זעהען"... זאָגט זי: „לאָז דעם פארלענען, וועמ עס הערט זיך צו"... וואָס זאָגט איהר אויף אזא פּיסקאטע?...

— יאָ, אקעגען וואָס זשע איז דאָס געקומען צו רעד? אקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט: איך האָב ליעב ריין... למאי זאָל איך לייקענען? איך האָב טאַקי ליעב, ס'זאָל זיין ריין אין איטליכס ווינקעלע. וואָס קומט מיר דערפאַר? קאָן זי אפשר נישט ליידען, גנעסי הייסט דאָס, למאי ביי מיר איז ריין, ביי מיר איז שען, ביי מיר איז ציכטיג, ביי מיר איז ליכטיג. און ביי איהר? איהר

זאָלט זעהען — תמיד חושך, שטענדיג פינסטער, פארטיאָפּעט און פארשליאָפּעט ביז'ן האלז, די פּאָמוניצע פול ווי איין אויג — טפו!... קומט דער פריהמאָרגען — איז הימעל עפען זיך! ס'איז דען קינדער? שדים, נישט קיין קינדער! פונקט ווי מיין דוד'על, להבדיל באלף הבדלות! וואָרום מיין דוד'על זאָל געזונט זיין איז דאָך א גאנצען טאָג אין חדר איז ער, און קומט ביינאכט, נעמט ער זיך צו דער ארבייט: אָדער ער דאַוונט, אָדער ער לערענט, אָדער ער קוקט אזוי אריין אין א ספר קוקט ער. און איהרע קינדערלעך — גאָט זאָל נישט שטראָפען פאר די רעד! אָדער סע עסט, אָדער סע וויינט, אָדער סע שלאָגט זיך קאָפּ אָן וואנט... איהר פארשטעהט? בין איך שולדיג, אז גאָט האָט זי געבענטשט מיט אזא חאליאסטרע פון סאָוואָלעס און פון גאנצעס, און מיר האָט ער געשענקט אזא מתנה, א שטיק גאָלד, א בעריליאנט, עס זאָל מיר נאָר נישט פאר־שטעהרט ווערען, רבונו־של־עולם, וואָרום ער קאָסט מיך גענוג טרערען קאָסט ער מיך! קוקט נישט, וואָס איך בין א אידינע! א מאנסביל אויף מיין אָרט וואָלט דאָס געוויס נישט איבערגע־טראָגען! עס זאָל אייך צו קיין חרפּה נישט זיין. פאראן מאנס־בילען אזעלכע, וואָס זענען טויזענט מאָל ערגער פון ווייבער זענען

יודעים איפה הם בעולם... למה לך הרבה הוכחות? הנה קח למשל את יוסי של משה־אברהם: כל זמן שפרומה־גְחָה עוד חיה לו, הוא החזיק מעמד, וכשהיא, לא עלינו, מתה, אז הוא ריפה את ידיו ורגליו, את גופו ואת חייו... ״ר׳ יוסי, אומרת אני לו, אלוהים אתך! מילא, אם אשה מתה, מה אפשר לעשות? זה עניין מאלוהים!״ ״ה׳ לקח ה׳ נתן,״ איך זה כתוב שם אצלכם בספרים הקדושים? לך אין צורך לספר, אתה מן־הסתם יודע יותר טוב...

– כן, כלפי מה הגענו לדבר על זה? כלפי זה, שאתה אומר: בן־יחיד... הוא אצלי אחד ויחיד, איך אתה אומר: עין אחת בראש, דויד׳ל שמו. אתה לא מכיר אותו? הוא נקרא על שם חותני דויד־הֶרש הוא נקרא. אתה היית צריך לראות אותו – לגמרי האבא, שיהיה לו לשנים ארוכות, לגמרי משה־בנציון, אפילו הגובה אותו גובה, והפנים – כמו אצלו, עליו־השלום: צהוב, מיובש, מצומק, עור ועצמות, וחלש, חלש, מעונה, המסכן, מן החדר, מן הגמרא... ״אבל די לך, אומרת אני לו, די לך, בן יקיר, תנוח קצת, תראה איזה פרצוף יש לך, תיקח משהו לפה, אומרת אני, תאכל משהו, תשתה משהו, תיקח כוסית של ציקוריה תיקח!״... ״ציקוריה, אומר הוא, טוב שתשתי בעצמך, אמא: את עובדת, אומר הוא, מעל לכוחותיך. עדיף לו הייתי עוזר לך, אומר הוא, לשאת את הסל מן השוק״... ״איזו השוואה! – אומרת אני, – מה אתה מדבר מה? אתה יודע מה שאתה מדבר? מה פירוש, אתה תישא סלים? שלא יחיו לראות את זה האויבים שלי, יש לי די אויבים! אתה צריך, אני אומרת, ללמוד, לשבת וללמוד!״... וכל אותה שעה אני מסתכלת עליו, על דויד׳ל שלי זאת אומרת, – לגמרי הוא, עליו־השלום, אפילו עם השיעול, אוי חושך ושממה יבואו עליו! כל שיעול שהוא משתעל קורע לי חתיכת לבו! כי עד שזכיתי לראות אותו קצת בן־אדם, יפה־יפה יצאו לי העיניים מהחורים! שבסך־הכל, אתה צריך לדעת, אף־אחד לא האמין שהתינוק יישאר בחיים, כי איפה שיש מכה, צרה, מחלה – הכל היה אצלו: אם אתה רוצה אדמת – אדמת, אבעבועות – אבעבועות, ודיפטריה, ושקרלאטינה, ואנגינה וכאבי־שיניים, ומה לא?... הלילות, שישבתי ערה בגללו, שאלוהים לא יחשֵב לי אותם; כנראה שהדמעות שלי, ובאמת קצת זכות־אבות, התערבו, ובקושי־בקושי הגעתי עד לבר־מצווה שלו! אז אתה חושב, שזה סוף? אז תשמע דבר ישן־נושן: לא הוא צריך ללכת פעם בלילה, בחורף זה היה, מן החדר ולפגוש במישהו לבוש כולו לבן ומַכֶּה בשתי הידיים?... כמובן שהילד, מסכן, נבהל עד מוות ונפל מתעלף בשלג, והביאו אותו הביתה מת הביאו, בקושי־בקושי חזר להכרה: וכשחזר להכרה, רק אז הוא נשכב, כְּאֶב שיכנס באמא שלו, ושכב בתוך אש־להבה לא הרבה לא מעט, שישה שבועות!... איך אני עברתי את חתיכת הזמן ההיא – זה באמת נס מן השמיים! מה עשיתי ומה לא עשיתי אז? נדרתי נדרים, מכרתי אותו ושוב פדיתי אותו בחזרה, הדבקתי לו עוד שם (חיים־דויד־הֶרש), ודמעות – דמעות, מי מדבר על דמעות? ״אלוהים, טענתי אל הריבונו־של־עולם, אתה רוצה להענישני? תעניש אותי במה שתרצה, אבל את הילד שלי שלא תיקח ממני שלא!״... וכשאלוהים נתן לי את המתנה, הוא הבריא, פונה הוא אלי: ״את יודעת, אמא? אני יכול למסור לך דרישת־שלום מאבא. אבא בא לבקר אותי״... שמעתי מלים אלה, כמעט ופרחה לי הנשמה, והלב הולם: טְיוֹך־טיוֹך־טיוֹך!... ״שהוא יטרח, אומרת אני, סימן הוא שאתה, אם־ירצה־השם, תחיה הרבה ותהיה בריא״... כך אני

זיי; אז סע קוועטשט זיי צו עפּיס אַ זאַך, ווייסען זיי נישט, וואו זיי זענען אין דער וועלט... וואָס דאַרפט איהר אַ סך ראיות? אָט נעמט, למשל, יאָסי משה־אברהמ׳ס: כּל־זמן פרומע־נעחע האָט איהם געלעבּט, האָט ער זיך געהאַלטען, און אַז זי איז, נישט דאָ געדאַכט, געשטאָרבּען, האָט ער אַפּגעלאָזט הענט און פיס און לייב און לעבּען... „רב יאָסי, זאָג איך צו איהם, גאָט איז מיט אייך! מילא, אַז סע שטאַרבּט אַ ווייבּ, וואָס זאָל מען טהון? ס׳איז אַ גאָט׳ס זאַך!״... ה׳ לקח ה׳ נתן, ווי אַזוי שטעהט דאָרטען געשריבּען בּיי אונז אין די הייליגע ספרים? אייך בּאַדאַרף מען נישט דערצעהלען, מסתמא ווייסט איהר בּעסער...

— יאָ, אַקעגען וואָס זשע איז דאָס געקומען צו רעד? אַקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט: אַ בּן־יחיד... ער איז בּיי מיר איין־און־איינציגער, ווי זאָגט איהר: איין אויג אין קאָפּ, דוד׳על הייסט עס. איהר קענט איהם נישט? ער הייסט נאָך מיין שוועהר דוד־הערש הייסט ער. איהר זאָלט איהם זעהען — אינגאַנצען דער פאָטער, איהם צו לענגערע יאָהר, אינגאַנצען משה־בּנציון, אפילו די וואוכס די איינענע, און דאָס פּנים — ווי בּיי איהם, עליו השלום: געל, אויסגעדאַרט, אויסגעדיווערט, הויט און בּיינער, און שוואַך, שוואַך, אויסגעמוטשעט נעבּאַך פונ׳ם חדר, פון דער גמרא... „אָבּער גענוג דיר, זאָג איך צו איהם, גענוג דיר, זוהנעניו, רוה זיך אָפּ אַ בּיסעל, זעה וואָס פאַר אַ פּנים דו האָסט, נעם עפּיס אין מויל אַריין, זאָג איך, עס עפּיס, טרינק עפּיס, נאָ דיר אַ גלעזעל ציקאָריע נאָ דיר!״... „ציקאָריע, זאָגט ער, טרינק בּעסער אַליין, מאַמע; דו האָרעוועסט, זאָגט ער, איבּער׳ן כּח. איך וואָלט דיר בּעסער געהאָלפען, זאָגט ער, טראָגען דעם קאָשעק פונ׳ם מאַרק״... „ס׳אַ משל! — זאָג איך. — וואָס רעדסט דו וואָס? דו ווייסט, וואָס דו רעדסט? וואָס הייסט, דו וועסט טראָגען קאָשעקעס? נים דערלעבּען וועלען דאָס מיינע שונאים, איך האָבּ גענוג שונאים! דו בּאַדאַרפסט, זאָג איך, לערנען, זיצען און לערנען!״... און בּשעת מעשה קוק איך אויף איהם, אויף מיין דוד׳לען הייסט דאָס, — אינגאַנצען ער, עליו־השלום, אפילו מיט׳ן הוסט, פאַרפינסטערט און פאַרוויסט בּין איך געוואָרען! יעדער הוסט, וואָס ער טהוט, רייסט מיר אויס אַ שטיק האַרץ! וואָרום איידער איך האָבּ איהם דערלעבּט צו זעהען אַ שטיקעל מענטש, זענען מיר גוט די אויגען אַרויסגעקראָכען! אַז בּסך־הכּל, דאַרפט איהר וויסען, האָט זיך גאָר קיינעם נישט געגלויבּט, אַז דאָס קינד זאָל בּלייבּען לעבּען זאָל דאָס, וואָרום וואו ערגיץ אַ שלאָק, אַ צרה, אַ חולאת — איז דאָס געווען בּיי איהם: טאָמער ווילט איהר מאָזלען — איז מאָזלען, פּאָקען — איז פּאָקען, און דיפטעריטען, און שקאַרלאַטינעס, און זאַוועלקעס, און זוביטשעס, און וואָס נים?... די נעכט, וואָס איך בּין אויסגעזעסען איבּער איהם, זאָל מיר גאָט נים רעכענען; אפּנים, אַז די טרערען מיינע, און אַ בּיסעל טאַקי זכות־אָבות האָבּען זיך אַריינגעמישט, און איך האָבּ קוים־קוים דערלעבּט די בּר־מצוה זיינע! מיינט איהר דאָך, אַז ס׳איז איין עק? הערט זשע אויס איין אַנטיק: בּאַדאַרף ער נים געהן איינמאָל בּיינאַכט, ווינטער איז דאָס געווען, פונ׳ם חדר, און בּאַגעגענען עפּיס איינעם אָנגעטהאָן אין גאָלע ווייסען און פּאַטשען מיט בּיידע הענט?... אודאי האָט זיך נעבּאַך דאָס קינד איבּערגעשראָקען אויף טוידט און איז אַנידערגעפאַלען חלשות אויפ׳ן שניי, און מע האָט איהם געבּראַכט אַהיים אַ טוידטען האָט מען איהם געבּראַכט, קוים־קוים אָפּגעמינטערט; און אַז מע האָט איהם אָפּגעמינטערט, האָט ער זיך ערשט דעמאָלט אַנידערגעלעגט, אַ וועהטיג איז דער מאַמע זיינער, און איז אָפּגעלעגען אין אַ העליש פייער אַזוי גרויס אַזוי קליין, ווי זעכּס וואָכען!... ווי אַזוי איך האָבּ איבּערגעלעבּט אָט דאָס שטיקעל צייט — איז טאַקי נאָר אַ נס מן השמים! וואָס האָבּ איך דעמאָלט נישט איבּערגעטהאָן? געגעבּען נדרים, פאַרקויפט איהם און צוריק אויסגעקויפט, צוגעזעצט איהם נאָך אַ נאָמען (חיים־דוד־הערש), און טרערען — טרערען, ווער רעדט פון טרערען? „גאָטעניו, האָבּ איך גע׳טענה׳ט צום רבּונו־של־עולם, ווילסט מיך שטראָפען? שטראָף מיך מיט וואָס דו ווילסט, נאָר מיין קינד זאָלסט דו בּיי מיר נים צונעמען זאָלסט דו נים!״... און אַז גאָט האָט מיר נעשענקט די מתנה, ער איז געזונט געוואָרען, מאַכט ער צו מיר: „דו ווייסט, מאַמע? איך קאָן דיר אָפּגעבּען אַ גרוס פונ׳ם טאַטען. דער טאַטע איז בּיי מיר געווען צו־גאַסט״... דערהערט די דאָזיגע ווערטער, איז מיר שיער די נשמה אַרויס, און דאָס האַרץ — טיאָך־טיאָך־טיאָך!... „לאָז ער זיך מיהען, זאָג איך. אַ סימן, אַז דו

אומרת לו, והלב – טִיוֹך־טיוך־טיוך!... רק מאוחר יותר, זמן רב אחרי זה, נודע לי שמי שהיה לבוש בלבן ומחא כפיים, אתה יודע מי זה היה? נו, נראה אותך, תנחש, רבי, הרי אתה חכם! – ר' ליפא זה היה, ליפא שואב־המים! אותו יום, אתה מבין, הוא קנה לו פרווה חדשה, פרווה לבנה, ומכיוון שהכפור בער כהוגן הוא רצה להתחמם קצת, אז הוא היכה כף בכף – הצרות שלי על ראשו! שמעת טירוף כזה, שיהודי יתלבש דווקא בפרווה לבנה לפתע פתאום?...

כן, כלפי מה הגענו לדבר על זה? כלפי זה שאתה אומר: בריאות... בריאות – זה העיקר. כך אומר הדוקטור שלי ומצווה עלי שאשמור עליו מכל משמר שאשמור, שאבשל לו מרק־עוף, כל יום מרק־עוף, הוא אומר, ולוּ מרבע עוף, ואם אני יכולה, הוא אומר, לסַדֵר, לפטם אותו, הוא אומר, בחלב ובחמאה ובצֶ'קולד, ואם אני יכולה, הוא אומר, לסַדֵר... משל יפה – אם אני יכולה לסדר? יש כאילו דבר אחד בעולם שבשביל דויד'ל שלי לא אסדר? יש איזה תירוץ? ואם היו אומרים לי לדוגמא למשל: לכי, ינטה, תחפרי אדמה, תקוששי עצים, תסחבי דלי מים, תלושי חימר, תגנבי מן הכנסייה, ובלבד שיהיה בשביל דויד'ל – אז אפילו באמצע חצות הלילה בכפור הגדול ביותר! הנה התחשק לו הקיץ איזה מיני חיבורים, מן־הסתם ספרי־קודש, שאין לי אותם. ומכיוון שאני נכנסת לבתים הגדולים ביותר נכנסת אני, אז הוא ביקש אותי, שמא אוכל להשיג לו את החיבורים האלה, או את ספרי־הקודש, ורשם לי על נייר הוא רשם לי. אז אני באה ומראה את הנייר ומבקשת אצלם את החיבורים, או את הספרים, פעם ופעמיים ושלוש פעמים. אז הם צוחקים לי: "לשם מה את צריכה, ינטה, חיבורים כאלה? את מפטמת בהם את העופות, את האווזים עם הברווזים?"... "תצחקו, תצחקו, אני חושבת לי, ובלבד שלדויד'ל יהיה איפה להציץ יהיה לו"... לילות שלמים, הוא מציץ בחיבורים האלה, או בספרים, ומבקש אותי, שאביא לו עוֹד ועוד. אז אני אחסוך לו? אז אני מחזירה בשבילו את אלה ולוקחת עוד... אז בא דוקטור חכם אחד ושואל אותי, אם אוכל להשיג בשבילו כל יום מרק־עוף לפחות מרבע עוף? ומשלושת־רבעי עוף, אם צריך, אז אתחשב בנימוסים? מניין באו, אני שואלת אותך, דוקטורים כאלה לעולם? איפה הם גדלו? על איזה שמרים הצמיחו אותם ובאיזה תנור אפו אותם?...

כן, כלפי מה הגענו לדבר על זה? כלפי זה, שאתה אומר: מרק־עוף... אז אני מספקת לו כל יום מרק־עוף מרבע עוף, ובערב, כשהוא חוזר מן הלימוד, הוא אוכל, ואני יושבת לי מולו עם סריגה ביד ונעשית רחבה יותר משאני ארוכה אני נעשית, מרוב תענוג זאת אומרת, ואני מבקשת מאלוהים שאלוהים יעזור לי, שמחר, אם־ירצה־השם, שוב אוכל להביא לו מרק־עוף מרבע עוף... "אמא, הוא אומר, למה אינך אוכלת איתי?" "תאכל לבריאות, אני אומרת, אני כבר אכלתי"... "מה אכלת?" הוא אומר. "מה שאכלתי, אומרת אני, אכלתי, העיקר שכבר אכלתי, תאכל לבריאות!" וכשהוא גומר ללמוד את החיבורים, או הספרים, רק אז אני מוציאה מן התנור כמה תפוחי־אדמה אפויים אני מוציאה, או שאני מגררת פרוסת לחם עם בצל מגררת אני, ועושה לי סעודה... ואני נשבעת לך בנאמנות, שכה אחיה לראות בו נחת עם כל טוב, שאני נהנית מן הבצל יותר מכל צלי יפה ייייי מכל מרק־עוף טוב, כי אני נזכרת, שדויד'ל בלי עין־הרע, אכל מרק־עוף מרבע עוף ואם־ירצה־השם למחר שוב יש מרק־עוף מרבע־עוף!... חיסרון אחד רק – השיעול הזה שהוא משתעל, מסכן, כל הזמן: קחי־קח

וועסט, אם ירצה השם, לאנג לעבען און זיין געזונט"... אזוי זאָג איך איהם, און דאָס הארץ — טיאָך־טיאָך־טיאָך!... ערשט אָט־שפּעט, אין א צייט ארום, וועֶר איך געוואָהר, אז דער, וואָס איז געווען אָנגעטהאָן אין ווייסען און געפּאטשט מיט די הענט, ווייסט איהר, ווער דאָס איז געווען? אנו, טרעפט, רבּי, איהר זענט דאָך א חכם! — רבּ ליפּא איז דאָס געווען, ליפּא דער וואסערפיהרער! ער האָט זיך יענעם טאָג, פארשטעהט איהר מיך, געקויפט א נייעם פעלץ א ווייסען, און מחמת דער פראָסט האָט געבּרענט, האָט ער זיך געוואָלט א ביסעל דערווארעמען, האָט ער געפּאטשט א האנט אָן א האנט — מיינע צרות אויף זיין קאָפּ! האָט איהר געהערט א השגה, א איד זאָל זיך אָנטהון אין א ווייסען פעלץ גאָר אין מיטען דרינען?...

— יאָ, אקעגען וואָס איז דאָס געקומען צו רעד? אקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט: געזונט... געזונט — דאָס איז דער עיקר. אזוי זאָגט דער דאָקטער אונזערער און הייסט מיר, איך זאָל איהם פּילנעווען זאָל איך איהם, קאָכען יאיכלעך, אלע טאָג א יאיכעל, זאָגט ער, חאָטש פון א פערטעל עוף, אויב איך קאָן, זאָגט ער, אויספיהרען, האָדעווען איהם, זאָגט ער, מיט מילך און מיט פּוטער און מיט טשעקאָלאַד, אויב איך קאָן, זאָגט ער, אויספיהרען... א שענער משל — אויב איך קאָן אויספיהרען? אפּנים, ס'איז דען פאַרהאַן איין זאַך אויף דער וועלט, וואָס איך זאָל פון דוד'על'ס וועגען ניט קאָנען אויספיהרען? ס'איז עפּים א תירוץ? און אז מע זאָל מיר זאָגען, אשטייגער, כּדומה למשל: געה, יענטע, גראָב ערד, האַק האָלץ, טראָג וואסער, קנעט לעהם, באַ'גנב'ע א קלויסטער, אבּי פון דוד'על'ס וועגען — איז אפילו אין מיטען האלבּע נאכט אינ'ם גרעסטען פראָסט! אָט האָט זיך איהם פארוואָלט היינטיגען זומער בּיכלעך אזעלכע, ספרים מסתמא, וואָס איך האָב זיי ניט. און מחמת איך געה־אריין אין די גרעסטע הייזער געה איך, האָט ער מיך געבּעטען, טאָמער קאָן איך איהם קריגען די דאָזיגע בּיכלעך, צי די ספרים, און האָט מיר פארשריבּען אויף פּאַפּיער האָט ער מיר. קום איך צו געהן און באווייז דאָס פּאַפּיער און בּעט בּיי זיי די בּיכלעך, צי די ספרים, איין מאָל און צוויי מאָל און דריי מאָל. לאַכען זיי פון מיר: „צו וואָס טויג אייך, יענטע, אזעלכע בּיכער? איהר האָדעוועט מיט זיי די עופות, די גענז מיט די קאטשקעס?"... „לאַכט, לאַכט, טראַכט איך מיר, אבּי מיין דוד'על וועט האָבּען אין וואָס אריינצוקוקען וועט ער האָבּען"... גאנצע נעכט, גאנצע נעכט קוקט ער אריין אין די דאָזיגע בּיכלעך, צי די ספרים, און בּעט מיך, איך זאָל איהם בּרענגען נאָך און נאָך. וועל איך איהם זשאלעווען? טראָג איך אָפּ די און נעם נאָך... קומט צו געהן א חכם א דאָקטער און פרעגט מיך, צי קאָן איך אויספיהרען פון זיינטוועגען אלע טאָג א יאיכעל חאָטש פון א פערטעל עוף? און פון דריי פערטעל עוף, אז מע בּאַדאַרף, וועל איך קוקען אויף דרך־ארץ? פון וואַנען נעמען זיך, פרעג איך אייך, אזעלכע דאָקטוירים אויף דער וועלט? וואו וואַקסען זיי אויס? אויף וועלכע הייוועֶן ראָשטשינעט מען זיי און אויף וואָסער אויווען בּאַקט מען זיי?...

— יאָ, אקעגען וואָס איז דאָס געקומען צו רעד? אקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט: יאיכלעך... שטעל איך איהם צו אלע טאָג א יאיכעל פון א פערטעל עוף, און פארנאַכט, אז ער קומט צו געהן פונ'ם לערנען, עסט ער, און איך זעץ מיך אַוועק אקעגען מיט איין אַרבּייט אין דער האנט און ווער גרעבּער ווי לענגער ווער איך, און איך בּעט גאָט, גאָט זאָל מיר העלפען, איך זאָל איהם מאָרגען, אם־ירצה־השם, ווידער קאָנען צושטעלען א יאיכעל פון א פערטעל עוף... „מאמע, זאָגט ער מיר, פאַר וואָס עסט דו נישט מיט מיר?" „עס געזונט, זאָג איך, איך האָבּ שוין אָפּגעגעסען"... „וואָס האָסט דו געגעסען?" זאָגט ער. „וואָס איך האָבּ געגעסען, זאָג איך, האָבּ איך געגעסען, אבּי איך האָבּ שוין געגעסען. עס געזונט!" און אז ער לערענט־אָפּ די בּיכלעך, צי די ספרים, נעם איך ערשט דעמאָלט ארויס פונ'ם אויווען א פּאָר געבּאַקענע קארטאָפעל נעם איך, אָדער איך רייבּ אָן א שטיקעל בּרויט מיט ציבּעלע רייבּ איך, און מאַך מיר א סעודה... און איך שווער אייך בּנאמנות, איך זאָל אזוי דער־לעבּען אָן איהם נחת מיט אלדאָס גוטס, אז איך האָבּ הנאה פון דער דאָזיגער ציבּעלע א סך מעהר, ווי פון דעם שענסטען געבּראָ־טענס, ווי פון דער בּעסטער יויך, וואָרום איך דערמאָן מיך, אז דוד'על האָט, קיין עין־הרע, געגעסען א יאיכעל פון א פערטעל עוף, און, אם־ירצה־השם, אויף מאָרגען איז ווידער פאַרהאַן א יאיכעל פון א פּערטעל עוף!... איין שטיקעל חסרון נאָר — אָט דאָס

קחי־קחי!... אני מבקשת את הדוקטור מבקשת אני, שיתן לו משהו נג השיעול. אז הוא אומר: "בן כמה היה בעלך, משה־בנציון, עליו השלו כשמת, וממה הוא מת?"... "מן המוות, אני אומרת, הוא מת, מן המוו יצאו לו, אני אומרת, שנותיו, אז הוא מת... איזה מין משל הו לעניינינו?"... "אני צריך לדעת זאת, הוא אומר, בדקתי את בנך, יש לך נהדר, בן מוצלח"... "תודה רבה, אני אומרת, את זה אני יודעת בעצ אתה מוטב שתיתן לי תרופה נגד השיעול שתיתן לי, שיפסיק להשת שיפסיק לי"... "זה אי אפשר, הוא אומר, את צריכה רק, הוא אומר, לש לב שילמד פחות"... "אלא מה, אני אומרת, שיעשה?" "שיאכל הרבה, ה אומר, וילך לטייל כל יום, והעיקר – שלא יֵשב בלילה על הספרים. א נועד לו, הוא אומר, להיות פעם דוקטור, אז הוא לא יפסיד כמה שנ מאוחר יותר"... "מה שבא לי בחלום, אני חושבת לעצמי, בלילה הה ובלילה הזה וכל השנה! משהו הוא לא מדבר לעניין, ממש כמו מטורף ה מדבר! מה פירוש, דויד'ל שלי יהיה דוקטור לפתע־פתאום? למה שלא יה יותר טוב גוברנאטור למהז"... אז אני חוזרת הביתה ומספרת זאת לדויד שלי אני מספרת, אז הוא נעשה אדום כאש ואומר לי: "את יודעת מ אמא? אל תלכי עוד אל הדוקטור ואל תדברי איתו"... "אני כבר לא רוצ אני אומרת, לִראות את פרצופו! וכי איני רואה שהוא חושם?". שלדוקטור יהיה טבע משונה כזה, שיאהב להיכנס לדברים כאלה, ר לחקור את החולה: ממה הוא חי, ואיך הוא חי, ומניין הוא לוקח לחיים? מה זה עסקך? נותנים לך חצי סלע? – קח ותרשום תרופות!...

– כן, כלפי מה הגענו לדבר על זה? כלפי זה, שאתה אומר, שנמצא כל הזמן בטאראראם... כמובן, שנמצאים בטאראראם וישנים בשילייר כשיש לך סל עם ביצים, עם עופות, עם אווזים ועם ברווזים, וכ אשת־עשיר על ראשך, שכל אחת רוצה קודם, פוחדת שהאחרת בחרה א הביצים הטובות יותר ואת העופות היפים יותר. אז מתי נשאר לי זמן, תג בעצמך, לבשל מרקי־עוף כשאני כל הזמן לא בבית? אבל יהודי למדן, א אתה אומר, מוצא לו עצה: השכם עם שחר, לפני שאני יוצאת לשוק, א מדליקה אש בתנור אני מדליקה, אחר־כך אני קופצת לרגע וממליחה א

רבע העוף אני ממליחה, והולכת לעבודה, וקופצת שוב לרגע ושופכת מים על הבשר שופכת אני, ושמה את הסיר שמה אני, ומבקשת אותה, את השכנה שלי, גנסי זאת אומרת, שתשים לב לסיר שתשים, זאת אומרת, שכשירתח הסיר שהיא תכסה אותו במכסה ותעטוף אותו באפר – עבודה רבה, מה־יש־לומר! כמה פעמים קורה שאני מבשלת בשבילה ארוחת־ערב שלמה? הרי יהודים אנחנו, אבוי לי, הרי יושבים בין אנשים, לא ביער יושבים!... ומאוחר יותר, בלילה, כשאני חוזרת הביתה מן העבודה, רק אז מפיחה אני אש מפיחה אני, ומחממת את הסיר, והוא אוכל מרק־עוף טרי הוא אוכל... אז היה, נדמה, צריך להיות טוב, הלא כן? אז אבל השכנה שלי, שלא יוגד ברבים, במחילה ממך... גדולה... אינני רוצה להגיד מה... אז היא מיישבת את דעתה הבוקר ונעמדת לבשל לילדיה ארוחה של חלב – כופתאות או בַּלַבֶּשְׁקֶס עם חלב. איזה מין מאכל זה בַּלַבֶּשְׁקֶס עם חלב? ומה לפתע־פתאום באמצע יום־חול ערב־שבת? שאני כה אדע ארוחת־ערב רעה! יהודיה מוזרה הדיירת הזאת! אצלה או שהכל, או שלא־כלום. או שחולפים שלושה ימים והיא לא תבעיר אש בתנור, ופתאום בא לה – והיא מתחילה להרעיד קערת־שופכין שלמה, כלומר דייסה של דוחן או קרופניק של גריסים, שצריכים ללבוש זוג משקפיים כדי לראות שם גרגר־דוחן אחד, או דווקא סיר עם תפוחי־אדמה־בדגים, שאת הבצל אפשר להריח

הוסטען, וואס ער הוסט נעבאך אלע מאל: קאחי־קאחי! קאחי־קאחי!... איך בעט דעם דאקטער בעט איך, ער זאל איהם עפּיס געבען צום הוסט. זאגט ער: „וויפיעל איז אלט געווען דער מאן מיינער, משה־בנציון עליו־השלום, בשעת ער איז געשטארבען, און פון וואס איז ער געשטארבען?"... „פונ'ם טוידט, זאג איך, איז ער געשטארבען, פונ'ם טוידט. ס'איז איהם אויסגעגאנגען, זאג איך, יאהרען, איז ער געשטארבען... וואס איז דאס פאר א משל אהערצוצו?"... „איך באדארף דאס וויסען, זאגט ער, איך האב באטראכט אייער זוהן, איהר האט א וואוילען זוהן, א געראטענעם"... „א שענעם דאנק אייך, זאג איך, דאס ווייס איך אליין. איהר גיט מיר בעסער א רפואה צום הוסט גיט מיר, ער זאל אויפהערען הוסטען זאל ער מיר"... „דאס קאן מען ניט, זאגט ער, איהר דארפט נאר, זאגט ער, אכטונג געבען, ער זאל ווינציגער לערנען"... „וואס דען, זאג איך, זאל ער טהון?" „ער זאל עסען א סך, זאגט ער. און געהן שפאציערען אלע טאג, און דער עיקר — נישט זיצען ביי־נאכט איבער די ביכער. אויב עס איז איהם באשערט, זאגט ער, זיין אמאל א דאקטער, וועט ער נישט אנוועהרען שפּעטער מיט עטליכע יאהר"... „וואס עס האט זיך מיר גע'חלום'ט, טראכט איך מיר, יענע נאכט און היינטיגע נאכט און א גאנץ יאהר! עפּיס רעדט ער נישט צו דער זאך, טאקי נאר ווי א דולער רעדט ער! וואס הייסט, מיין דוד'על וועט זיין א דאקטער גאר? פאר וואס זאל ער בעסער ניט זיין קיין גובערנאטער פאר וואס?"... קום איך צו געהן אהיים און דערצעהל דאס מיין דוד'לען דערצעהל איך דאס, ווערט ער רויט ווי פייער און רופט זיך אן צו מיר: „ווייסט דו וואס, מאמע? געה נישט מעהר צום דאקטער און רעד נישט מיט איהם"... „איך וויל שוין אפילו, זאג איך, זיין פנים ניט אנקוקען! איך זעה דען ניט, אז ער איז א חושים?"... א דאקטער זאל דיר האבען א מאדנע טבע, ליעב האבען זיך ארייגלאזען אין אזעלכע דרכים, נאר אויספרעגען ביי'ם חולה: פון וואס ער לעבט, און ווי אזוי ער לעבט, און וואו נעמט ער אויף צו לעבען?... וואס געהט דאס דיך אן? מע שענקט דיר א האלב קערבעל? — נעם און פארשרייב א רעצעפּט!...

— יא, אקעגען וואס זשע איז דאס געקומען צו רעד? אקעגען דעם, וואס איהר זאגט: מען איז כסדר פארטארעמט... אודאי איז מען פארטארעמט און מע שלאפט אין שלייער, אז מע האט א קאשעק מיט אייער, מיט עופות, מיט גענז און מיט קאטשקעס, און עטליכע נגידית'טעס אויף זיך, וואס איטליכע וויל פריהער, האט מורא, טאמער האט יענע אויסגעקליבען די בעסטע אייער מיט די שענסטע עופות. ווען האב איך צייט, זאגט שוין איהר אליין, קאכען יאיכלעך, אז איך בין קיינמאל ניטא אין דער היים? נאר א איד א למדן, ווי זאגט איהר, גיט זיך איין עצה: גאנץ פריה, איידער איך קלויב מיך ארויס אין מארק, הייץ איך איין אין אויווען הייץ איך, נאכדעם חאפּ איך מיר אראפּ אויף א מינוט און זאלץ־אויס דאס פערטעל עוף זאלץ איך, און געה אויף דער ארבייט, און חאפּ מיך ווידער אראפּ און גיס־אפּ דאס פלייש גיס איך, און שטעל־צו דאס טעפּעל שטעל איך, און בעט זי, די שכנה מיינע, גנעסין הייסט דאס, זי זאל אכטונג געבען אויפ'ן טעפּעל זאל זי, דאס הייסט, אז דאס טעפּעל וועט פארזידען, זאל זי דאס צודעקען מיט דער פאקרישקע און פארשארען מיט אש — א גרויסע ארבייט, משטיינס נעזאגט! וויפיעל מאל מאכט זיך, אז איך קאך־אפּ פון איהרעטוועגען א גאנצע וועטשערע? מען איז דאך עפּיס אידען, וועה איז מיר, מע זיצט דאך צווישען מענטשען, ניט אין קיין וואלד זיצט מען!... און שפּעטער, אויפדערנאכט, אז איך קום אהיים פון דער ארבייט, צעבלאז איך ערשט א פייער צעבלאז איך, און ווארעם־אן דאס טעפּעל, און ער עסט א פריש יאיכעל עסט ער... וואלט, דאכט זיך, געווען גוט, איא? איז דאך אבער מיין שכנה, ניט אויסגערעדט זאל זיין, מחילה א גרויסע... איך וויל ניט זאגען וואס... איז זי זיך מיישב היינט אין דער פריה און שטעלט זיך אוועק קאכען פון איהרע קינדער'ס וועגען א מילכיגען אנבייסען — האלעשקעס אדער באלאבעשקעס מיט מילך. וואס איז דאס פאר

א מאכל באלאבעשקעס מיט מילך? און וואס עפּיס פלוצים אין מיטען מיטוואך שבת־צו־נאכט? לאז מיך אזוי וויסען א בייזע וועטשערע! א מאדנע אידינע אט די מיטניטשקע! ביי איהר איז אדער גאר, אדער גארניט. דריי טאג קאן אוועקגעהן, זאל זי ניט צעלעגען קיין פייער אין אויווען, און פלוצים קומט איהר אן — זאל זי נעמען אנבויטען א גאנצע פאמוניצע, כלומרשט א הירזשע־נעם קאוליש אדער א קרופּניק, וואס מע באדארף אנטהון א פאר ברילען, מע זאל דארטען דערזעהען א הירזשעלע, אדער גאר א טאפּ מיט פיש־קארטאפלים, וואס די ציבעלעס לאזען זיך הערען פאר

למייל, ומן הפלפל, שהיא פלפלה שם, הם הולכים אחר־כך כולם יממה שלמה בפיות פעורים ומהקהקים! הו־אַי, הו־אַי!...

– כן, אז כלפי מה הגענו לדבר על זה? כלפי זה שאתה אומר: ביש־מזל... אז מתיישבת בדעתה השכנה שלי ומבלבשת לה כופתאות בלבשקס מקמח כוסמת ושמה כד עם חלב היא שמה לתנור, כדי שירתח, ובין ילדיה נעשית שמחה, מהומה, אבא'לה! אף פעם לא ראו קצת חלב, כנראה. תאר לך, שלא יהיה יותר לאויבינו, כמה שם היה חלב! אולי שתי כפות, השאר מים. אבל אצל קבצנים כאלה, מה־אפשר־לומר, גם זה עניין!... בינתיים השנה־הטובה מביאה את השמש. מסתבר שעויזר הריח עוד בבית־המדרש, שבבית מתבשלת ארוחה של עשירים מתבשלת, אז הוא בא בטיסה עם פתגם בפה, כדרכו: "חג שמח!"... "חג שמח שומם, קודר שיהיה עליך, אומרת היא, מה זה מוקדם כל־כך?"... "חששתי, הוא אומר, שמא, חלילה, אאחר כאן לברך ברכו... מה זה מתבשל אצלך בתנור?"... "קדחת, אומרת היא, בשבילך במיוחד בסיר קטן"... "למה לא, אומר הוא, בסיר גדול, אז כבר היה מספיק לשנינו?"... "אָה, שתיחנק אתה עם הפתגמים שלך!" – אומרת היא, כולה אש־להבה, ותופסת את אוחז־הסירים וחאפ – חוטפת את הסיר. והסיר מתהפך, והחלב – פְליוּך! על כל התנור!... זעקה, רעש, יללות! גנסי מקללת את הבעל בקללות מתות, המזל שלו, שהסתלק בעוד מועד והילדים מסכנים ירדו מעל־לתנור ופתחו בבכי עם צעקות, כאילו שחטו להם את אבא־ואמא... "כפרה, אני אומרת, שיהיו הבלבשקס עם חלב שלך – מרק־העוף של דויד'ל שלי, אני חוששת, כן הלך לאיבוד, והסיר שלי חלילה נעשה טרפה!"... "תקח הרוח את מרק־העוף שלך עם הסיר גם יחד, אומרת גנסי, הבלבשקס עם חלב שלי אולי יקרים אצלי כמו כל הסירים שלך עם כל מרקי־העוף שלך, שאת מבשלת בשביל הקדיש שלך!"... "את יודעת מה, אומרת אני, שתהיו כולכם כפרה לציפורן הזעירה בזרת הקטנה של דויד'ל שלי!"... "את יודעת, אומרת היא, שיהיה דויד'ל כפרה לכולנו, הוא רק אחד!"... מה אתה אומר על פרחחית כזאת? האם לא היתה ראויה שיסטרו לה סטירות בפרצוף במגבת רטובה?...

– כן, כלפי מה הגענו לדבר על זה? כלפי זה, שאתה אומר: מחלב ובשר בתנור אחד דבר טוב לא יכול לצמוח... אז הסיר, זאת אומרת, נעמד להפך, והחלב – אוּץ, על כל התנור. אז אני חוששת, שמא, חלילה, זה נגע במרק־העוף שלי, אז אני אבודה אני! אם כי אומנם, אם נגלגל את השיחה לאחור, איך מגיע החלב אל הסיר שלי, שהסיר שלי עמד עטוף באפר הרחק־הרחק בזווית? אבל שוב אותו מעשה, וכי אוכל לערוב לכך? מי יודע מה עלול לקרות! המזל החשוך שלי! שמא?... אני אגיד לך את האמת לאמיתה אגיד לך: מילא מרק־העוף כמו מרק־העוף: בוודאי שכואב לי הלב, מה יאכל המסכן דויד'ל? אבל מן־הסתם כבר אמציא משהו למענו מן־הסתם: אתמול הבאתי אווזים מן השוחט, עשיתי שומן למכירה, אז נשארו לי קצת פרפראות לשבת: ראשים, מעיים, זה, ההוא – אפשר כבר משהו לעשות מזה! אבל רע ומר – אין לי סיר אין לי. אני פוחדת, שמא תטריף לי את הסיר, אז אני נשארת בלי סיר, ובלי סיר אני כמו בלי יד אני, כי יש לי בסך־הכל סיר אחד. זאת אומרת, היה היו לי שלושה סירים של בשר, אז גנסי, שהיא לא תעמוד לך בשום מקום טוב, פעם שואלת ממני סיר, סיר חדש־ומבריק, והולכת ומחזירה לי סיר משופשף. אז אני אומרת לה: "איזה מין סיר הוא זה?"... אומרת היא: "זה הסיר שלך"...

א מייל און פונ'ם פעפער, וואָס זי האָט אָנגעפעפערט, גײען זיי אום נאָכדעם אַלע אַ גאַנץ מעת־לעת, האַלטען אָפען די מײַלער און האַקען: הוא־הוא!...

— יאָ, אַקעגען וואָס זשע איז דאָס געקומען צו רעד? אַקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט: שלים־מזל... איז זיך מיישב די שכנה מיינע און פאַרקלאַטשעט באָלאַבעשקעס פון רעטשענע מעהל און שטעלט־צו אַ קריגעל מיט מילך שטעלט זי אין אויווען, סע זאָל אויפזידען, און צווישען די קינדער איהרע ווערט אַ שמחה, אַ גדולה, טאַטעניו! זיי האָבען קיינמאָל ניט געזעהען קיין ביסעל מילך, אַפנים. מאָהלט אייך, נישט מעהר זאָלען אונזערע שונאים פאַרמאָגען, וויפיעל דאָרט איז געווען מילך! אפשר צוויי לעפעל, דאָס איבעריגע וואסער. נאָר ביי אַזעלכע קבצנים, משטיינס געזאָגט, איז דאָס אויך אַ זאַך!... דערווייל טראָגט־אָן דער גוטער יאָהר דעם שמש. עס ווייזט אוים, אַז עוזר האָט נאָך אין קלייזעל אָנגעשמעקט, אַז אין דער היים ביי איהם קאָכט זיך אַ נגיד'ישער אָנבייסען קאָכט זיך, איז ער געקומען צו פליהען מיט אַ ווערטעל, ווי דער שטייגער זיינער: „אַ גוט יום־טוב!"... „אַ וויסטער, אַ פינסטערער גוט יום־טוב אויף דיר, זאָגט זי, וואָס אַזוי פריה?"... „איך האָב מורא געהאַט, זאָגט ער, טאָמער, חלילה, פאַרשפּעטיג איך דאָ אַ ברכו... וואָס קאָכט זיך דאָס ביי דיר אין אויווען?"... „קדחת, זאָגט זי, פון דיינעטוועגען אין אַ קליין טעפּעלע"... „פאַר וואָס ניט, זאָגט ער, אין קיין גרויסען טאָפּ, וואָלט שוין געווען פאַר אונז ביידען?"... „אַה, פאַרחאַפּט זאָלסט דו ווערען מיט דיינע ווערטלעך!" — זאָגט זי אָנגעצונדען, און נעמט דעם ראַהעטש און טהוט אַ חאַפּ דאָס קריגעל. טהוט זיך דאָס קריגעל אַ קעהר־איבער, און די מילך — פליוך איבער'ן גאַנצען אויווען!... אַ גוואַלד, אַ רעש, אַ געפילדער! גנעסי שעלט דעם מאַן מיט טוידטע קללות; זיין גליק, וואָס ער האָט זיך אָפּגעטראָגען באַצייטענס. און די קינדער נעבאַך זענען אַראָפּ פונ'ם אויפ'ן־אויווען און האָבען געמאַכט אַ געוויין מיט אַ געשריי, גלייך ווי מע האָט זיי אָפּגעקוילעט טאַטע־מאַמע... „אַ כפּרה, זאָג איך, אייערע באָלאַבעשקעס מיט מילך — מיין דוד'על'ס יאַיכעל, האָב איך מורא, איז יאָ פאַרפאַלען, און דאָס טעפּעל מיינס איז חלילה טרפה געוואָרען!"... „חאַפּט דער רוח דאָס יאַיכעל אייערס מיט'ן טעפּעל, זאָגט גנעסי, מיינע באָלאַבעשקעס מיט מילך זענען אפשר ביי מיר אַזוי טייער, ווי אייערע אַלע טעפּלעך מיט אַלע אייערע יאַיכלעך, וואָס איהר קאָכט פון אייער קדיש וועגען!"... „ווייסט איהר וואָס, זאָג איך, זיין זאָלט איהר אַלע די כפּרה פאַר מיין דוד'על'ס מינדסטען נאָגעל פונ'ם קלענסטען פינגערעל!"... „ווייסט איהר וואָס, זאָגט זי, זיין זאָל דוד'על די כפּרה פאַר אונז אַלעמען, ער איז איינער!"... וואָס זאָגט איהר אויף אַזאַ הולטאַיקע? איז זי ניט ווערטה געווען, מע זאָל איהר צעפּאַטשען די פּיסקעס מיט אַ נאַסער האַנטשירקע?...

— יאָ, אַקעגען וואָס איז דאָס געקומען צו רעד? אַקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט: פון מילכיגס מיט פליישיגס אין איין אויווען קאָן קיין גוטס ניט אַרויס... האָט זיך דאָס קריגעל, הייסט דאָס, געשטעלט פאַפּעריק, און די מילך — הוין איבער'ן גאַנצען אויווען. האָב איך מורא, טאָמער, חלילה, האָט זיך דאָס אָנגעריהרט אָן מיין יויך־טעפּעל, בין איך אַ פאַרפאַלענע בין איך! האָטש אפילו, צוריק שמועסענדיג, ווי קומט די מילך צו מיין טעפּעל, אַז מיין טעפּעל איז געשטאַנען פאַררוקט אין אש העט־העט אין אַ ווינקעלע? נאָר אויך די אייגענע מעשה, איך קאָן ערב זיין? אַ קשיה אויף אַ מעשה! מיין פינסטער מזל! טאָמער?... איך וועל אייך זאָגען דעם רעכטען אמת וועל איך אייך: מילא, דאָס יאַיכעל ווי דאָס יאַיכעל; עס טהוט מיר אודאי האַרצעדיג באַנג, וואָס וועט ער נעבאַך עסען, דוד'על? נאָר מסתמא וועל איך שוין עפּיס צוטראַכטען פון זיינעטוועגען מסתמא; איך האָב נעכטען געבראַכט גענז פון דער שחיטה, געמאַכט אָבּדירקעס אויף צו פאַרקויפען, איז מיר פאַרבליבען אַ ביסעל דרויב אויף שבת: קעפּלעך, קישקעלעך, דאָס, יענעס — מע קאָן שוין עפּיס מאַכען דערפון! איז מיר אָבער שלעכט — איך האָב נישט קיין טעפּעל האָב איך נישט. איך האָב מורא, טאָמער מאַכט איהר מיר טרפה דאָס טעפּעל, בין איך געבליבען אָהן אַ טעפּעל, און אָהן אַ טעפּעל בין איך ווי אָהן אַ האַנט בין איך, וואָרום איך האָב אינגאַנצען איין טעפּעל. דאָס הייסט, האָבען האָב איך געהאַט דריי טעפּלעך פליישיגע, האָט ביי מיר גנעסי, אויף קיין גוט אָרט זאָל זי אייך ניט שטעהן, איינמאָל אַנטליהען אַ טעפּעל, אַ שפּאָגעל־ניי טעפּעל, און גיהט און

אומרת אני: ״איך מגיע אלי סיר משופשף, כשלקחת ממני סיר שלם?״... אומרת היא: ״שקט, אל תצעקי כל־כך, לא נעשים מאושרים ממך! ראשית כל, החזרתי לך סיר שלם; שנית, כשלקחתי ממך את הסיר הוא היה סיר משופשף; ושלישית, אף פעם לא לקחתי ממך שום סיר, יש לי סיר משלי, ומה נטפלת לחיי?״... למה שפרחחית מסוגלת!...

– כן, אז כלפי מה הגענו לדבר על כך? כלפי זה, שאתה אומר, שסירים במשק־בית אף פעם אין יותר מדי... אז אני, זאת אומרת, כמו שאתה רואה, נשארתי עם שני סירים שלמים וסיר אחד משופשף, זאת אומרת, שני סירים... אבל האם מותר לעני שיהיו לו שני סירים? אז צריך מן־הסתם לקרות, שאני באה פעם אחת מן השוק עם העופות אני באה, מתיר את עצמו עוף אחד ונבהל מפני החתול... אז תשאל איך מגיע לכאן חתול? הכל היא והקדישים שלה! אם תופסים באיזה מקום חתולה, הם מתעללים בה זמן רב כל־כך עד שגומרים אותה. ״צער בעלי־חיים! – טוען להם דויד'ל שלי – דבר חי הוא!״... אבל לך דבר עם ציידי־כלבים כאלה, הולכי־בטל, פוחזים־וריקנים!... בקיצור, הם תלו משהו על קצה זנב החתול, אז הוא התחיל לקפץ, להציג הצגות, אז העוף נבהל, התרומם, ועף ישר על המדף העליון – וטראך! סיר הולך לאדמה! אתה חושב אולי – הסיר המשופשף? בודאי, כמובן, אלא מה! אם להישבר – ישבר סיר שלם! זה כבר תמיד כך, מאז שהעולם עולם!... רציתי לדעת רציתי, למה זה ככה, למשל: שני אנשים הולכים, זה הולך וזה הולך; אחד הוא בן־יחיד, אחד־ויחידי, נרעד אצל אמו, והאחר... רבי־רבי! אלוהים אתך! מה זה קורה לך?... רבנית! רבנית! איפה נעלמת?... בואי הנה! אוצי מהר! הרב משהו לא לגמרי! נעשה לו רע... כנראה, הולך להתעלף!... מים! מים!...

1901

תרגם בנימין הרשב [הרושובסקי]

גיט מיר אָפּ אַ שטשערבּאַטע טעפּעל. זאָג איך צו איהר: „וואָס איז דאָס פאַר אַ טעפּעל?״... זאָגט זי: „ס'איז אייער טעפּעל״... זאָג איך: „ווי קומט צו מיר אַ שטשערבּאַטע טעפּעל, אַז איהר האָט בּיי מיר גענומען אַ גאַנץ טעפּעל?״... זאָגט זי: „שאַט, שרייט ניט אַזוי, מע ווערט פון אייך ניט גליקליך! ערשטענס, האָבּ איך אייך אָפּגעגעבּען אַ גאַנץ טעפּעל; צווייטענס, אַז איך האָבּ בּיי אייך גענומען דאָס טעפּעל, איז דאָס געווען איין אָנגעשטשערבּעט טעפּעל; און דריטענס, האָבּ איך בּיי אייך קיינמאָל ניט גענומען קיין טעפּעל, איך האָבּ מיר מיין טעפּעל, און טשעפּעט זיך אָפּ פון מיין לעבּען!״... אַ הולטאַיקע קאָן!...

— יאָ, אַקעגען וואָס זשע איז דאָס געקומען צו רעד? אַקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט, אַז טעפּלעך אין בעל־הבּתישקייט איז קיינ־מאָל נישט צו פיעל... בּין איך, הייסט דאָס, ווי איהר זעהט, גע־בּליבּען בּיי צוויי טעפּלעך גאַנצע טעפּלעך און איין טעפּעל אַ שטשערבּאַטע טעפּעל, דאָס הייסט, צוויי טעפּלעך... נאָר ווי טאָר

איין אָרעמאַן האָבּען צוויי טעפּלעך? בּאַדאַרף זיך מסתמא טרעפען אַזוי, אַז איך קום איינמאָל צו געהן פונ'ם מאַרק מיט די עופות קום איך, בּינדט זיך אָפּ איין עוף און דערשרעקט זיך פאַר דער קאַץ... וועט איהר פרעגען: ווי קומט אַהער אַ קאַץ? אַלץ זי מיט איהרע קדישים! דערטאַפּען זיי ערגיץ אַ קעצעל, מוטשען זיי דאָס אַזוי לאַנג, בּיז זיי פאַרמוטשען דאָס. „אַ צער בּעלי־חיים! — טענה'ט מיט זיי מיין דוד'על. — אַ לעבּעדיגע זאַך!״... נאָר גיי רעד מיט אַזעלכע היצלעס, לעדיגגעהערס, פוסטעפּאַסניקעס!... בּקיצור, זיי האָבּען עפּיס אָנגעהאַנגען דער קאַץ אויפ'ן שפּיץ וויידעל, האָט זי אָנגעהויבּען שפּרינגען, מאַכען אָנשטעלען, האָט זיך דאָס עוף דער־שראָקען און איז אַרויפגעפלויגען גלייך אויף דער אויבּערשטער פּאָליצע — און טראַך אַ טעפּעל אין דער ערד אַריין! איהר מיינט אפשר — דאָס שטשערבּאַטע טעפּעל? אודאי־יאָ, ס'פאַרשטעהט זיך! אַז בּרעכען, וועט זיך בּרעכען אַ גאַנץ טעפּעל! דאָס איז שוין תמיד אַזוי, פון זינט די וועלט איז אַ וועלט!... איך האָבּ געוואָלט וויסען האָבּ איך געוואָלט, פאַר וואָס איז דאָס, למשל: צוויי מענטשען געהען. דער געהט און דער געהט; איינער איז אַ בּן־יחיד, איין־און־איינציגער, אַ ציטעריגער בּיי דער מאַמען, און דער אַנדערער איז...... רבּיניו! גאָט איז מיט אייך! וואָס איז אייך אַזעלכס?... רבּיצין! רבּיצין! וואו זענט איהר ערגיץ?... אַהערצו געהט! גיכערט! דער רב איז עפּיס נישט מיט אַלעמען! ניט גוט געוואָרען... אַפּנים, אויף צו חלש'ען!... וואַסער! וואַסער!...